# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

וארא
תשפ"ג לפ"ק
גליון רנ"ד



**פראגע**

## אויב פרנסה איז שוין אנגעשריבן פון ראש השנה, וואס איז די ציל פון דאווענען אינמיטן יאר פאר פרנסה?

### ענטפער:

**דער** באשעפער האט געשוואוירן צו אברהם, יצחק און יעקב אז ער וועט געבן ארץ ישראל פאר זייערע קינדער, אבער ווען זיי זענען געווען אין מצרים האט דער אויבערשטער גארנישט געטון ווילאנג זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען מיט זייער גאנצע הארץ, ווי עס שטייט דארט אין פסוק (שמות י, ד-ה) **"והקימותי את בריתי"** – איך גיי מקיים זיין מיין בונד מיט זיי, **"וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל"** – און אויך האב איך געהערט די וויי-געשריי פון די אידישע קינדער. זעען מיר, אז אפילו א זאך איז געווארן נגזר, פעלט אויס אז מען זאל בעטן דערפאר. דאס איז די וועג פונעם אויבערשטן.

עס איז זייער א וויכטיגער יסוד! דער אויבערשטער וועט איינהאלטן זיין הבטחה, אבער עס קומט מיט א תנאי, מ'דארף מתפלל זיין.

**"והוא ניסי ומנוס לי"** – ער איז מיין פאן און מיין אנטלויף פלאץ, **"מנת כוסי ביום אקרא"** – ער איז מיין חלק אין די טאג וואס איך רוף צו אים. מען דארף רופן צו אים. שרייען צום אויבערשטן.

ווידעראמאל זעען מיר אז עס שטייט **"ועונה לעמו ישראל"** – דער באשעפער ענטפערט אלעמאל פאר זיין פאלק, אבער **"בעת שועם עליו"** – ווען זיי שרייען צו אים.

דעריבער, אפילו לאמיר זאגן עס איז שוין אנגעשריבן געווארן דארף מען נאך אלץ בעטן, ווייל צו בעטן דעם באשעפער איז פאר די אייגענע תועלת. איר מיינט אז פרנסה איז פאר אייער טובה?! ניין, שרייען צום אויבערשטן איז פאר אייער טובה!

אמאל איז א מענטש געקומען צו א חסיד'ישן רבי'ן אז ער זאל אים געבן א ברכה אויף פרנסה. האט אים דער רבי געזאגט, עס איז געווען א מענטש וועלכער פלעגט קומען אין א שטעטל פון צייט צו צייט מיט זיין פערד און וואגן, און ער האט דארט איינגעקויפט געוויסע סחורה אין א געוויסער געשעפט, און דער געשעפטסמאן פלעגט אים געבן אביסל פעטנס צו שמירן די רעדער פון זיין וואגן.

איינמאל איז דער מענטש געקומען אין שטאט און ער האט נישט איינגעקויפט אין יענעם געשעפט, ער האט גארנישט געקויפט, אבער ער איז געקומען צו גיין פאר די שמיר פאר זיין וואגן. האט אים דער געשעפטסמאן געזאגט, "קוק, איך געב נישט סתם אזוי פעטנס... ווען דו קומסט איינקויפן פון מיר געב איך דיר דאס אויך. אבער סתם פעטנס פאר דיין וואגן אן טון געשעפטן? דאס געב איך דיר נישט."

האט דער רבי געזאגט: פרנסה איז בלויז צו שמירן די רעדער אז דו זאלסט ווייטער קענען אנגיין, אבער די הויפט ציל איז צו בעטן דעם אויבערשטן פאר פרנסה. דו ווילסט א ברכה פאר פרנסה?! דארפסטו בעטן דעם אויבערשטן, דאס איז די עררייכונג, דאס איז סחורה!

מיר גייען איינקויפן ביים אויבערשטן צו באקומען "שלימות" פון אים, און דורכ'ן בעטן און שרייען און אנערקענען אז ער איז דער וואס גיבט פרנסה, דאס ברענגט שלימות. אינאיינוועגס שמירט ער אונטער דעם וואגן און גיבט פרנסה, כדי מיר זאלן קומענדיגן מאל אויך בעטן פון אים. (#370)

**פראגע**

## וויאזוי קען א מענטש באווייזן צו האבן ריינע מחשבות?

### ענטפער:

**אויב** וואלט איך געקענט געבן א גענצליכע רעצעפט פאר ריינע מחשבות וואלט איך נישט געזעסן דא. איך וואלט געווען אין אן אפיס מיט צען גבאים ביי מיין טיר... איך וואלט געווען זייער א גרויסער רבי, בארימט איבער דער גאנצער וועלט...

עס איז נישט דא קיין רעצעפט וואס קען דיר געבן גענצליך

ריינע מחשבות – אבער אודאי זענען דא עצות וואס העלפן ארויס.

די ערשטע זאך איז **"סור מרע"**. מען דארף שטיין ווייט פון זאכן וואס זענען גורם אומריינע מחשבות. דאס איז א גרויסע פארלאנג! אודאי קען מען נישט האבן קיין טעלעוויזיע. סיי-ווער עס וויל האבן א טעלעוויזיע און אויך האבן ריינע מחשבות איז א משוגענער. מען קען נישט גיין צו די מאוויס און האבן ריינע מחשבות. מען קען נישט האבן שלעכטע חברים און האבן ריינע מחשבות.

איז ערשטנס כל, סור מרע, גיי אוועק פון שלעכטס. ליין נישט קיין צייטונגען! בלויז די קעפלעך און שוין, ווייל איינמאל מען הייבט אן ליינען צייטונגען ווערט מען פארפלייצט מיט דאס פארקערטע ווי ריינע מחשבות.

יעצט דאס אליינס – צו מאכן סור מרע – איז שוין א גרויסער עררייכונג! עס מיינט נאכנישט אז די מחשבות וועלן זיין גענצליך זויבער, אבער עס איז שוין זייער א גרויסע טרעפל אין די ריכטיגע דירעקציע.

נאך א עצה – און איך גיי נישט יעצט מאריך זיין אין דער נושא – און דאס איז אז די מח טאר נישט זיין קיין "וואקיום", דאס הייסט, די מח קען נישט זיין ליידיג. דער רמב"ם זאגט אז אומריכטיגע מחשבות וועלן אריינקומען אין א מח וואס איז ליידיג פון תורה. וואס מיינט ווי פאלגענד: אויב דו האסט א ליידיגע מח וועט **עפעס** אריינגיין דארט, און לכאורה וועט עס זיין נישט גוטע מחשבות. דעריבער דארף מען אנפילן די מח מיט **גוטע מחשבות**. מען דארף זיין פארנומען מיט פאזיטיווע מחשבות.

יעצט הערט אויס וואס איך גיי אייך זאגן. אין פאל איר זענט נישט קיין בן תורה, אין פאל איר זענט נישט קיין בעל מוסר, ווערט פארנומען מיט עפעס אן אנדערע פראיעקט, ווי למשל צו פארדינען געלט. א מענטש וואס מאכט געלט האט נישט קיין צייט פאר שלעכטע מחשבות. ווי די גמרא רעדט וועגן עמיצען וועמענס פרנסה איז געווען צו זיין א שדכן פאר בהמות. יעצט דאס איז עפעס וואס וואלט געקענט ברענגען די נישט גוטע סארט מחשבות.

אבער דאך זאגט די גמרא (עבו"ז כ:) אז **"בעבידתיה טריד"** – ער איז פארנומען מיט זיין פרנסה. אויב א מענטש איז פארנומען מיט פרנסה האט ער נישט קיין צייט פאר נישט גוטע מחשבות. נאר א מענטש וואס איז א ליידיגייער און האט גארנישט צו טון; אפילו אויב פערצופאל זיצט ער אין א ישיבה אבער ער לערנט נישט אין בית המדרש, ווערט זיין מח ווי א וואקיום און אלעס קען פאסירן.

אלזא, מיר האבן דערמאנט צוויי עצות אויף דער נושא. 1) שטיי ווייט פון די זאכן וואס קענען גורם זיין נישט גוטע מחשבות, 2) האלט דיין מח פארנומען אלעמאל מיט עפעס – סיי צי ס'איז ביזנעס, אדער אפילו א 'הַאבִּי' ווי שניידעריי, צי ס'איז יראת שמים און תורה. דער מח מוז אלעמאל זיין אנגעפילט מיט עפעס, ווייל טאמער נישט קומען אריין אינעם וואקיום אומריינע מחשבות.

## פראגע

**וואס ענטפער איך פאר מיין קרובה וואס זאגט אז זי איז געגאנגען אין קאלעדזש און זי איז נישט אפעקטירט געווארן צום שלעכטן?**

## ענטפער:

**עס** איז געווען א מענטש וואס האט אוועקגעמאכט די "ספידינג" געזעצן; ער פלעגט אלעמאל פארן שנעל מיט זיין קאר און ער איז געווארנט געווארן אז איין טאג וועט ער חרטה האבן. און יעצט איז ער אין לויה-טשאפל. עס האט זיך געענדיגט קעגן א גאסן-לאמפ און יעצט איז ער טויט.

יעצט דער מענטש האט נישט קיין חרטה פאר ספידן. **ער קען שוין נישט** חרטה האבן, ווייל ער איז שוין טויט! טאמער וואלט ער נישט געשטארבן, און ער וואלט בלויז געווארן אן אינוואליד, דעמאלטס וואלט ער חרטה געהאט; אבער אויב איז ער גענצליך טויט, אודאי קען ער נישט חרטה האבן.

די מיידל וואס איז געגאנגען אין קאלעדזש האט נישט קיין חרטה ווייל זי איז שוין טויט. זי האט פארלוירן איר מח. זי איז געווארן מחונך אין קאלעדזש, וואס איז ווי גלייך זי האט געהאט אן אפעראציע און איר מח איז ארויסגענומען געווארן פון איר. עס קען זיין אז זי האט בכלל קיינמאל נישט געהאט קיין מח... דאס איז אויך מעגליך. אבער סיי-וואס זי האט געהאט איז עס געווארן איבערגעטויישט צו אן אומנאטירליכע סעט פון געדאנקען.

און וואס מען לערנט היינט אין די קאלעדזשעס איז א סכנה'דיגע סעט פון השקפות. מארקסיזם און הומאניזם. זיי לערנען זיי אויס צו זיין בלינד צו די וואונדער פון דער נאטור. ווען מען לערנט ביאלאגיע, איז עס ספעציעל אויספלאנירט אז מען זאל נישט זען די פלאנירונג און צוועקפולקייט פונעם מענטשליכן קערפער.

און דערפאר, אויב אייער קרובה זאגט אייך אז זי איז געגאנגען אין קאלעדזש און זי איז נישט אפעקטירט געווארן, קענט איר זאגן אז עס איז א סימן אז זי איז שוין אינעם מתים-הויז.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com




פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב